הערבסט -
שריפטן ווינטער 1920

## מיכל ליכט:

**לעגענדע.**

בלאַנדזשענדיג אין דער וויסטעניש
האָב איך געזעהן די שלאַנגען שמייכלען
זייער פארשטויבטע פעל
אין קאַנוואולסיעס
פון לאַכען.

**פאליעס.**

פאליעס —
בארג אויף בארג,
סטאַם אויף סטאַם —
פאליעס.

פארשטיימע צונגען
פלאַקערען און לעבען —
פאליעס.

איינער פון די פאליעס:

— אַט אזוי ברודער פאל
— דאָס הייסט אַ קארניוואל
— ווארימער, ווארימער
— היציגער — —

איינער פון די פאליעס:

— טאנץ פאר פרייד ברודער פאל
— א פיינע שפיל

— מיר ווערען געבאָדען
— אין אַ זונלאָזען הימעל
— רויט, פייער־היים — —

שאָטענס הענגען
האלב צעצויגען,

הוידען
אין דער לופטען —
פאליעם.

קליינקע.

קליינינקע מיילכעלעך,
ליפּעלעך
ברענען פון קארמין
— קוש מיך
— קוש מיך

פילע, אוים
אַ ריטואַל
— נעם מיך
— נעם מיך

עפּעס פארקיימעלט
מיט צוואנגען
און ליידען
— האלט, האלט
— דיין דו, דיין איך